# א מעשה'לע

גליון כ"ג
פרשת כי תצא תשפ"ו
וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## דִי פִּישׁ אִין
## וַואסֶער צִיטֶערְן

מֹשֶׁה'לֶע שְׁפִּילְט, עֶר לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק, עֶר הָאט אַ פַארְגֶעְנִיגְן, זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין: 'אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי חוֹדֶשׁ אֶלוּל שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ...?' זִי גֵייט צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט אִים: ”זָאג מִיר מֹשֶׁה'לֶע, אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג שְׁפִּילְסְטוּ זִיךְ? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס יֶעצְט אִיז? מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ



דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ?!

אֶלוּל! אוֹיךְ דִי פִּישׁ וָואס שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער צִיטֶערְן!”

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה פוּן קַאבְּרִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְּלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט אִים זַיין עֶלְצְטֶע שְׁוֶועסְטֶער דָאס גֶעזָאגְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל אוֹיף צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן זִיךְ מֶער נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, מִיר גֵייעֶן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

# ספר המידות

## תְּשׁוּבָה - חלק א'

מה. עַל יְדֵי שְׁמִיעַת
קוֹל שׁוֹפָר מֵאָדָם
כָּשֵׁר, הַיֵּצֶר הָרָע
נִשְׁבָּר, וְנִתְעוֹרֵר
תְּשׁוּבָה בָּעוֹלָם.

מה. אַז מֶען הֶערְט
שׁוֹפָר בְּלָאזְן פוּן אַן
עֶרְלִיכְן אִיד, וֶוערְט
צֶעבְּרָאכְן דֶער יֵצֶר
הָרָע, אוּן עֶס
וֶוערְט אַן
הִתְעוֹרְרוּת אוֹיף
דֶער וֶועלְט צוּ
תְּשׁוּבָה טוּן.



**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**845.351.0910**

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691